1 יאנואר 1918

אונזער ארביים מוז איצט געפירט ווערען - ארץ ישראלדיג: מיט ענערגיע, מוט, גלויבען, וואגהייט, אפפירוויליקייט און ערפאלג.

2 יאנואר

מיר טארען זיך ניט ארלאזען צו די אידישע ארבייטער פיהרער - מיר מוזען זיך אויפהייבען צו די אידישע ארבייטער מאסען.

3 יאנואר

פריהער איז די גרויסע זאך געווען אויפשטעלען די פראגע פון אהיים פאר'ן איד. פאלק אין א"י אופ'ן טאגעס ארדנונג פון דער וועלט-פאליטיק. דאס איז געשעהן. און קיין זאך, אפילו דער גרעסטער אונגליק, קאן דאס שוין ניט אראבנעמען.

4 יאנואר

די גרויסע זאך פון איצט איז אויפשטעלען די פראגע פון אידישער היים ביי יעדען אידען אויפ'ן טאגעס ארדנונג פון זיין פערזענליכען לעבען.